בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת יִתְרוֹ

תשפ"ה

380

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן מַיין גֶעפִיל בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת?..........................א

וִוי אַזוֹי מֶען מְחַזֵק דֶעם מַאן אִין אַ שְׁוֶוערֶע צַייט?..............................ה

וִוי אַזוֹי הָאט דָאס קִינְד אוֹיפְגֶעהֶערְט בַּייסְן דִי נֶעגְל?..........................ו

קֶענְט אִיר אַבִּיסְל דֶערְצֵיילְן וָואס אִיר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ?..........ח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וֶוער הָאט דֶען יָא גֶעלְט?..........................................................א

שׁוֹין אַכְצִיג טֶעג נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי נֵייעֶס..................................ב

זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַדִיקִים............................................................ג

נִישְׁט אָוֶועקְמַאכְן דִי מְחַנְכִים אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי קִינְדֶער ............................ד

גֶעבְן אַ גוּטֶע גֶעפִיל פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע ...................................ה

דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ טִיטְשֶׁער .........................................ו

אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל, אִינְוֶועסְטִירְט אִין זַיין שְׁטוּבּ.............................ז

אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד מַאכְט הֲפָצָה...................................................ח

דֶער מַאן פַארְמַאכְט דֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיים לֶערְנֶען ....................................ט

אִיךְ דַארְף אַ מַאן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַ מַלְאָךְ ........................................י

דַיינֶע קִינְדֶער זֶעעֶן וִויפִיל גֶעדוּלְד דוּ הָאסְט צוּ זֵיי .............................יא

אַ קִינְד מוּז מֶען לָאזְן רֶעדְן צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן ......................................יג

אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָ' צוּ זַיין אַ שַׁמָּשׁ אִין מִירוֹן...............................................יג

בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דַיין טֶעלֶעפָאן...............................יד

אַ שָׁאד זִיךְ צוּ רֶעגְן, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............................ טו

דִי וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין רוּאִיג צוּם צוּזַאמְקוּם............................... טז

אַן עֵצָה פַאר שְׁרֶעק פוּן בַּיינַאכְט ...................................................יז

זִיךְ צוּרִיק אַיינְבִּינְדְן אִין זַאק בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.............................יח

דִי לֶעצְטֶע גֶעבֶּעט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיפְ'ן שְׁפִּיטָאל בֶּעטְל ......................... יט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס הָאב אִיךְ פַארְלוֹירְן מַיין גֶעפִיל בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַפָּאר וָואכְן צוּרִיק אַז אִיךְ גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג אִין וָואלְנַאט מַאוּנְטְן [זֶע אַ בְּרִיוו אִיבֶּער דֶעם צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]. אִיךְ פְלֶעג פִילְן אַזוֹי גוּט, אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט ווִי מַיין אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט אָן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, אוּן אִיךְ ווִיל נָאר גֶעפֶעלְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֶעצְטְנְס וֶוען אִיךְ גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן, אִיךְ פִיל אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי חַיּוֹת, אַסַאךְ מָאל בֶּעט אִיךְ נָאר פַאר דֶעם אַז עֶס זָאל גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. נִישְׁט אַז עֶפֶּעס אִיז גֶעוֶוען, נָאר עֶס הָאט מִיר סְתַּם אָנְגֶעכַאפְּט אַ פַּחַד.

אִיךְ פְּרוּבִּיר נָאכְאַלְץ צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, ווַייל אִיךְ ווֵייס אַז דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער מַאכְן אַז אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אוּן מַיין אֱמוּנָה זָאל נָאר וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער?

אוֹיךְ טְרַאכְט אִיךְ אַז יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין דוּרְךְ זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע צַייט מִיט פַּרְנָסָה הָאט מִיר עֶס גֶעשְׁלֶעפְּט צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת ווַייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וֶוער עֶס קֶען מִיר הֶעלְפְן, אוּן נָאר נָאכְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת הָאבּ אִיךְ גֶעפִילְט גוּט. ווִי עֶס זֶעט אוֹיס הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז וֶוען אִיךְ גֵיי וֶוערְן צוּרִיק מְסוּדָר מִיט אַ דְזְשַׁאבּ אוּן אַ נָארְמַאלֶע גֶעהַאלְט - גֵייט עֶס מִיר מַאכְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, אָדֶער עַל כָּל פָּנִים נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג, ווַייל אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ הָאבּ אַן אַרְבֶּעט.

אִיךְ ווייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם אוֹיךְ וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט? אוּן נִישְׁט וַוארְטְן חַס וְשָׁלוֹם אַז עֶפֶּעס זָאל גֶעשֶׁעְן זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, מִיר זֶענֶען אַזוֹי צוּפְרִידְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּנְזֶער לֶעבְּן וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער יֶעדְן טָאג, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ- יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט לֶעצְטְנְס בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת ווִי דוּ הָאסְט נִישְׁט דִי בְּרֶען אוּן גֶעפִיל פוּן אַמָאל - דָאס אִיז נָאר דִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע פְּלַאץ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי ווִי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל", אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, "רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִיפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ' שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ"ל", דָאס אִיז נָאר ווַייל מֶען דַארְף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער - דַארְף מֶען אַרָאפְּגֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְאַמָאל שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס ווִי מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

גֵיי ווַייטֶער זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִין דִי פֶעלְדֶער, אִין דִי וֶועלְדֶער, וַוארְט

נִישְׁט אוֹיף גֶעפִילְן, דוּ טוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קַיין טַעַם, דוּ שְׁפִּירְסְט דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים - זָאלְסְטוּ פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָפְּלָאזְן. אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער, דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דָאס אַרִיבֶּער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וָוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, "רַק אַדְּרַבָּה, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶונְט אוּן גֶעבֶּעטְן, אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ',

וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**אַ מְחַיֶּ' צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי פֶעלְדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט מִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו, הָאסְט מִיךְ מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט מִיט דֶעם וָואס דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, דוּ גֵייסְט אִין 'וָואלְנַאט מַאוּנְטְן' שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ קֶענְסְט שׁוֹין דָארְט יֶעדֶע בּוֹים אוּן יֶעדֶע וֶועג - פוּן אַזוֹי סַאךְ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת.

וָואלְנַאט אִיז אֱגוֹז, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ו, ב), אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ו, יא): "אֶל גִּנַּת אֱגוֹז יָרַדְתִּי", צוּם וָואלְנַאט מַאוּנְטְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען; וָואס עֶפֶּעס זֶענֶען אִידְן צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֱגוֹזִים? זֵיי זָאגְן אַסַאךְ פְּשָׁטִים, אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים, אַז אַ נִיסְל וֶוען עֶס פַאלְט אִין בְּלָאטֶע קֶען מֶען דָאס אָפְּוַואשְׁן אוּן עֶס בְּלַייבְּט רֵיין אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, אַנְדֶערְשׁ וִוי אַנְדֶערֶע פְּרוּכְט, אַזוֹי אוֹיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶוען זֵיי פַאלְן אִין בְּלָאטֶע קֶענֶען זֵיי זִיךְ גוּט אָפְּוַואשְׁן מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אוֹיךְ וַוייל אוֹיבּ מֶען פַארְדֶעקְט דִי וָוארְצְלֶען פוּן אַ נִיסְל בּוֹים קֶען דָאס נִישְׁט וַואקְסְן, אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס פַארְדֶעקְט זִיךְ, עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶּה - "מְכַסֶּה פְּשָׁעָיו לֹא יַצְלִיחַ" (מִשְׁלֵי כח, יג), עַיֵּין שָׁם בְּמִדְרָשׁ.

אַה מְחַיֶּ' צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי פֶעלְדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען

בּוֹיט אוֹיף דִי אֱמוּנָה. דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז הַיינְט נָאכְן גֵיין אַזוֹיפִיל שָׁעוֹת הִתְבּוֹדְדוּת - אִיז דַיין אֱמוּנָה אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער; אַוַדַאי אִיז אַזוֹי, דָאס רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיט אוֹיף דִי אֱמוּנָה אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאסְט מִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ' גֶעוֶוען אַז דוּ גֵייסְט מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע כַּוָונָה מִיטְן שְׁטֶעטְל, נָאר פַאר דֶעם אַז מֶען זָאל לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל גֵיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פִיר מִיךְ אוֹיפְן אֱמֶת'ן וֶועג, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ ווִיל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

[...]

### ווִי אַזוֹי מֶען מְחַזֵק דֶעם מַאן אִין אַ שְׁוֶוערֶע צַייט?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה, ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען פַאר אַ מַאן חִיזוּק אִין דִי צַייט וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה?

עֶר שְׁלָאפְט זֵייעֶר אַסַאךְ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט כֹּחַ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְרִי, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט וַוייל עֶר גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט, נָאר פָּשׁוּט עֶר קֶען טַאקֶע נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, אוּן עֶס טוּט אִים זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק וויי, מַמָּשׁ בִּיז צוּ דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם; וָואס קֶען אִיךְ טוּן אִין אַזַא מַצָּב? וֶוען אִיךְ זֶע אִים אַזוֹי שְׁפִּיר אִיךְ ווִי אִיךְ ווִיל אוֹיפְגֶעבְּן.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס אִים צוּ זָאגְן, אוּן עֶר וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן מִיר, וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְלוֹירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הַאלְטְס אַייךְ שְׁטַארְק, וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַּאלְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט אַ נִסָּיוֹן פַאר אַ מֶענְטְשׁ נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט דִי כֹּחוֹת דָאס צוּ בֵּיישְׁטֵיין. אַז אִיר גֵייט אַרִיבֶּער יֶעצְט דִי שְׁוֶועריִקַייט - אִיז זִיכֶער אַז אִיר הָאט דִי כֹּחוֹת דָאס בַּייצוּשְׁטֵיין.

אֱמוּנָה גֶעבְּט כֹּחַ; נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיטְן מֶענְטְשׁ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז אַ פַּאסִירוּנְג, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז עֶר, אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס פַּאסִירְט, עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן ווִי שְׁלֶעכְטְס אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז גָארְנִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז נָאר גוּטְס.

נֶעמְט אַייךְ אַפָּאר מִינוּט אִין טָאג, אִין אַ לֵיידִיגֶע שְׁטִילֶע ווִינְקְל, וואוּ קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט און קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, שְׁטִילֶערְהֵייט זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ און שְׁטַארְקֵייט צוּ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אַייעֶר מַאן און וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ ווִירְטְשַׁאפְט.

טְרַאכְטְס עֶס אִיז נָאר אַן אַרִיבֶּערְגַאנְג, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶועֶרֶע צַייט, עֶס וֶועט נָאךְ וֶוערְן בֶּעסֶער, אַייעֶר מַאן וֶועט זַיין גֶעזוּנְט בְּגוּף וְנֶפֶשׁ, און אִיר וֶועט הָאבְּן שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע טֶעג און אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי הָאט דָאס קִינְד אוֹיפְגֶעהֶערְט בַּייסְן דִי נֶעגְל?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין מַיין חֶדֶר אִיז דָא אַ אִינְגְל וָואס בַּייסְט דִי נֶעגְל כְּסֵדֶר, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְהֶערְן.

אוֹיפְן וֶועג צוּם פַּארְק גֵייט מֶען דוּרְךְ אַ שׁוּל, אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶס אִיז לֵיידִיג גֵייט מֶען דָארְט אַרַיין צוּ קוּשְׁן דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אֵיינְמָאל הֶער אִיךְ וִוי עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל נִישְׁט בַּייסְן דִי נֶעגְל", אוּן הַיינְט כַאפּ אִיךְ זִיךְ אַז כִּמְעַט וָואס עֶר בַּייסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט דִי נֶעגְל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווּאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער תְּפִלָּה, זֵיי זָאלְן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וִויל - אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה, ׳תְּפִלָּה׳; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט פוּן אַ טַאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט פוּן אַ גוּטֶער פְרֵיינְד. אַז מֶען לֶערְנְט דָאס מִיט קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט פוּן תְּפִלָּה נָאכְאַנַאנְד - גֵייט דָאס אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער, זֵיי גֶעדֶענְקֶען דָאס פַארְן גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן דַארְפְן אוּן וֶועלְן עֶפֶּעס אִין לֶעבְּן - וֶועלְן זֵיי וִויסְן אַז דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען דָאס בַּאקוּמֶען.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ גֵייסְט מִיט זֵיי אַרַיין אִין אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל אוּן דוּ לֶערְנְסְט זֵיי אוֹיס צוּ קִישְׁן דִי פָּרֹכֶת, אוּן אוֹיךְ אַז זֵיי זָאלְן בֶּעטְן בַּיי דִי פָּרֹכֶת. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי זַיין מְלַמֵּד רֶבִּי יַעֲקֹב קַלְמָנוֹבִיץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן בִּלְשׁוֹן חִבָּה ר׳ יַעֲקֹב מְלַמֵּד) - פְלֶעגְט אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, וֶוען אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵּד נֶעמֶען דָאס קִינְד אוּן אִים שְׁטֶעלְן בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, דִי חֶדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם קִינְד קִישְׁן דִי פָּרֹכֶת, עֶר הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט אַ תְּפִלָּה אוּן אִים גֶעהֵייסְן נָאכְזָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט; אַזוֹי הָאט

עֶר אַרײַנְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען צוּ גֵיין צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, גֶעבְּן אַ קִישׁ דֶעם פָּרֹכֶת אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּן אַלֶע זַיינֶע מְלַמְּדִים גֶעדֶענְקְט עֶר נָאר זִכְרוֹנוֹת פוּן דֶעם מְלַמֵּד אוּן פוּן נָאךְ אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, פוּן דִי אֱמוּנָה אוּן פוּן דִי תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וָואס זֵיי הָאבְּן אַרײַנְגֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוֹיךְ פַארְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְטֵיילְן אִין חֵדֶר יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַ פְּרוּטָה, אוּן עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ פּוּשְׁקֶע צוּ אַלֶע קִינְדֶער, אוּן בְּשָׁעַת עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי פּוּשְׁקֶע הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער נִיגוּן וָואס עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען: ״הֲרֵינִי נוֹתֵן צְדָקָה לַעֲנִיִּים וְלַיְתוֹמִים וּלְאַלְמָנוֹת, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן אִין דֶעם זְכוּת זָאל אִיךְ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן״; מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע מַחֲזֶה צוּ זֶען וִוי אַזוֹי יֶעדֶעס קִינְד לֵייגְט אַרַיין אַ פְּרוּטָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע נָאכְן זָאגְן דִי תְּפִלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶענְט אִיר אַבִּיסְל דֶערְצֵיילְן וָואס אִיר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ?

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף שְׁרַייבּ אִיךְ יֶעצְט אַ סֵפֶר אִיבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן צוּ דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ צוּ הֶערְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְץ אוֹיפְגֶעטוּן אוּן גֶעטוּן פַאר אוּנְז. אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט, אוּן מִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

א. ווי אַזוֹי אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּכְלָל, אוּן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ בִּפְרָט; אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען דֶערְצֵיילְן זַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת.

ב. וֶועלְכֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן אוּן הַדְרָכוֹת הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ?

ג. עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווי אַזוֹי קֶען מֶען אָבֶּער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלוֹת אוּן אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

ד. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז זוֹכֶה מְחַזֵּק צוּ זַיין אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי הֶערְלִיכֶע דְרָשׁוֹת, וֶוען אוּן ווי אַזוֹי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי זִכּוּי הָרַבִּים, אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִימוּדִים פַּאר אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין?

ה. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מְחַזֵּק אוּן מְקָרֵב אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער וויל הֶערְן אוּן מְקַבֵּל זַיין, וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי גֶעוואַלְדִיגֶע הַצְלָחָה?

ו. וָואס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב, אַז עֶס צִיעֶט צוּ זִיךְ אַזוֹיפִיל אִידְן? מִיט וָואס הָאט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת אַן עֶנְטְפֶער אוּן עֵצָה פַאר דִי פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן סְפֵיקוֹת וָואס מוּטְשֶׁעט דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר?

ז. חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב וֶוערְט הַיינְט זֵייעֶר צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן גֶעעֶפְנְט אוֹיף גָאר אַ בְּרֵייטֶע פַּארְנֶעם, קֶעגְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועזְן פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק; וָואס אִיז דִי סִיבָּה פוּן דֶעם גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טוּישׁ וָואס הָאט פַּאסִירְט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פוּן פָּארְאוֹיס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס.

***ווי אַזוֹי אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּכְלָל אוּן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ בִּפְרָט; אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען דֶערְצֵיילְן זַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת.***

דָאס וָואס אִיר פְּרֶעגְט וִוי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּכְלָל אוּן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּפְרָט, אוּן אוֹיבּ אִיךְ קֶען אַייךְ דֶערְצֵיילְן מַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת; וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, דָאס אִיז אַ מַתְּנַת חִנָּם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז אַ מַתְּנַת חִנָּם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "'אַתָּה יוֹדֵעַ רָזֵי עוֹלָם', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵייסְט דֶער סוֹד פַארְוָואס אִיךְ וֵייס פוּן אַזַא רֶבִּי אוּן אַ צְוֵוייטֶער נִישְׁט".

אִיר בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן מַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת; עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע סִיפּוּר, אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן אוֹיפְן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ קוּם מַיין לֶעבְּן פַּאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶלֶע מֶענְטְשְׁן. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א - זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' - אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֱמוּנָה, תְּפִלָּה אוּן שִׂמְחָה. אִיךְ הָאבּ אַלֶע יָארְן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּוַואקְסְן בַּיי מַיין זֵיידֶע, הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטְה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיךְ הָאבּ אִים מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען אַסַאךְ יָארְן בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען זַיין עֲבוֹדָה, זַיינֶע תַּעֲנִיתִים, זַיינֶע סִיגוּפִים, וִוי עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן אִין בֶּעט קַיין אֵיין נַאכְט, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט יוֹמָם וָלַיְלָה, גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מְעֻטָּר בְּטַלִּית וּתְפִילִין, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה צֶענְדְלִיגֶער מָאל אַ טָאג.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען זַיינֶע עֲבוֹדוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַ צַדִּיק קֶען מֶען נָאר וֶוערְן דוּרְךְ דִי שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, דוּרְךְ פַאסְטְן, סִיגוּפִים אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיךְ הָאבּ דָאס פְּרוּבִּירְט נָאךְ צוּ טוּן, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען. מִיר הָאט דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעשְׁפִּירְט אַ חִסָּרוֹן אִין מַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶפֶּעס פֶעלְט מִיר; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי

הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם רַב אוּן בֶּן יָחִיד (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ח), דֶער בֶּן יָחִיד הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט אִים אִין לֶעבְּן.

בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען אַ קְלֵיין סֵפֶר, סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כז, אוּן עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶסְן, שְׁלָאפְן, זַיין אַ מֶענְטְשׁ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה - וֶוערְט דֶער מֹחַ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

***

***וֶועלְכֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן אוּן הַדְרָכוֹת הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַאָ"שׁ בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ?***

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, וֶועלְכֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן אוּן הַדְרָכוֹת אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַאָ"שׁ בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ; עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אִין אֵיין בְּרִיוּו אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרַאָ"שׁ, אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן דְרֵיי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרַאָ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דְרֵיי וִויכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת וָואס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

עֶרְשְׁטְנְס אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; מוֹהֲרַאָ"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בַּיים אָנְהוֹיבּ וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, נָאר וַוייטֶער לֶערְנֶען; מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ בְּלֹא הֲבָנָה כְּלַל. מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט; אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט אִיז גוּט, אוּן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - זָאל מֶען וַוייטֶער גֵיין, וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן; מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

*

צְווייטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; ווִי דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן טוּישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְנְס וֶוען מֶען רֶעדְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, דָאס אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ פוּן אֱמוּנָה, אַלֶע וֶוייסְן פוּן תְּפִלָּה, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ; קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט מִיט אַ גוּטֶער פְרַיינְט.

*

דְרִיטְנְס הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳. אֵיידֶער מַיין הִתְקַרְבוּת הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט ווִי אַ זַאךְ וָואס הָאט מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה׳עֶן מִיט אִיר; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

*

אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל מֶער פוּן אַנְדֶערֶע; מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם סְפָרִים אָן אַ שִׁיעוּר אוּן טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְזֶערֶע קְלֵיינֶע פַארְשְׁמִירְטֶע מֹחוֹת, מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אוּן פַארְשְׁטֵיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גָארְנִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל גֶעזָאגְט; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָ׳ פַאר צֶען יָאר יֶעדֶע וָואךְ לֵיל שִׁישִׁי נָאכְן שִׁיעוּר אַרַיינְצוּגֵיין צוּ מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶל הַקוֹדֶשׁ פְּנִימָה, מוֹהֲרָא״שׁ

פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט מִיר לֶענְגֶער ווי מִיט אַנְדֶערֶע, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט מִיר אַסַאךְ מָאל אַ שָׁעָה אָדֶער מֶער; דִי חֲבֵרִים פְלֶעגְן מִיר פְרֶעגְן: "וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶערֶעדְט? וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט?" אִיךְ פְלֶעג זֵיי זָאגְן: "מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְט עֶפֶּעס סוֹדוֹת וָואס נָאר אִיךְ מֶעג ווִיסְן און אַנְדֶערֶע נִישְׁט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיט מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו"; זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ פִירְן אַ יְשִׁיבָה, אַ חֵדֶר, אַ בֵּית חִנּוּךְ לַבָּנוֹת, ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אִינְגֶעלַייט וְכוּ', פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד און פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. אַסַאךְ מָאל אִיז גֶעוֶוען פְּרָטִיּוּת'דִיגֶע שְׁאֵלוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי תַּלְמִידִים, אָדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְן מִיט דִי מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן מִיר; אַלֶעס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְן אִין דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים וֶועט אַלֶעס זֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט וֶועגְן דֶעם סֵפֶר מְגִלַּת סְתָרִים (סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תרח) דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן און רֶבִּי נַפְתָּלִי אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְן אִין רָאשֵׁי תֵּיבוֹת און דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר זַיין זוּן, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה און עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אַלֶע פְרֶעגְן 'פַארְוֶועם הָאט דָאס מוֹהֲרָא"שׁ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן?' דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר קֶען זֶען און פַארְשְׁטֵיין וָואס וֶועט זַיין דֶער גַאנְצֶער סֵדֶר בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אָמֵן וְאָמֵן.

***

*עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אָבֶּער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלוֹת און אֵייגְנַארְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה?*

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס זֶענֶען אָבֶּער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלוֹת און אֵייגְנַארְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַלְס

פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט נֶעמֶען דִי עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם פַאר מִיר אַלֵיינְס, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ סְפָרִים צִימֶער, לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דְבֵיקוּת"; דָאס וֵוייסְטוּ, אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט סְפָרִים, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע תַּאֲווֹת, מַיין תַּאֲוָה אִיז סְפָרִים"; יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז אַרוֹיס לְאוֹר עוֹלָם הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט אָנְגֶעגְרֵייט מֶענְטְשְׁן פַאר דֶעם, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מְמוּנֶה צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין דִי סְפָרִים גֶעשֶׁעפְטְן אוֹיפְזוּכְן פַאר אִים נֵייעֶ סְפָרִים, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פַאר מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט פַארְשְׁפַּארְן זַיין טִיר אוּן זַיין פַארְנוּמֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מוֹהֲרָא"ש הָאט אָבֶער אַנְדֶערְשׁ גֶעטוּן, עֶר הָאט אַלֶעס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי וַוייזְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט בְּלָאטֶע צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מִיר גֶעפִינֶען, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (בְּרָכוֹת ד.): "וַאֲנִי יָדַי מְלוּכְלָכוֹת בְּדָם", מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט צוּ מְטַהֵר זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דָאס הָאט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעטוּן, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים; עַד הַיּוֹם וֶועסְטוּ הֶערְן מֶענְטְשְׁן רֶעדְן קֶעגְן דֶעם צַדִיק.

מוֹהֲרָא"ש הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, עֶר הָאט סַךְ הַכֹּל גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן נוֹשְׂאִים וָואס קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, מְחַזֵק זַיין בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, זֵיי זֶענֶען נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; זָאלְן זֵיי נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז זֵיי זֶענֶען דֶערְנָאךְ, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן זֵייעֶר תְּשׁוּבָה; אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ

מִתְבּוֹדֵד זַיין, זֵיי וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְ'טַעֲנָה'עֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּ אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת; אִיךְ זָאג דִיר צוּ אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי זַיין עֶרְלִיךְ" - נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי אָן.

עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַּארְלוֹירְן, צֶעבְּרָאכְן, אַלֵיינְס; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זֵייעֶר צַעַר וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן זֶעט זֵייעֶר הַארְץ, זֵיי ווִילְן אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט, זֵיי ווִילְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אָבֶּער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי פַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, זֵיי זֶענֶען אָבֶּער נִישְׁט שׁוּלְדִיג; צוּ זֵיי אִיז מוֹהֲרָא"ש גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זֵיי גֶעשְׁרִיבְּן טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְ'טַעֲנָה'עֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים אוּן דָאס גֶעשְׁרִיבְּן, וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט עֶר זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, עֶר וֶועט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, עֶר וֶועט טַעְנָה'עֶן פַאר דִי אַלֶע וָואס מֶען הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר וֶועט זָאגְן פַאר דִי מְקַטְרְגִים זֵיי זָאלְן אַרָאפְּקוּמֶען זַיין דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועלְן זֵיי זֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נָאר אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה; ווִילַאנְג מֶען אִיז אַ פְּלַג גוּף - אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה.

*

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען, אַז אִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען אַז עֶר וֵוייסְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען אוּן ווערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעדְרוּקְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דוּרְךְ זָאגְן בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה.

פְרֶעגְט נִשְׁט; מֶען הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט, מֶען הָאט גֶעשְׁפֶּעט; עַד הַיּוֹם שְׁפֶּעט מֶען פוּנֶעם "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד", אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב וָואס זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע דָאס צוּ טוּן, דָאס אִיז דָאךְ נִשְׁט מוֹהֲרַ"אשְׁ'ס אֵייגֶענֶע אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע וֶועג, דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קוּקְט אַרַיין אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו בַּאֲרִיכוּת, וואו עֶס שְׁטֵייט אַז מֶען דַארְף נִשְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין, וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם לֹא יָבִין אַחַר כָּךְ מַה בְּכָךְ? וְכוּ'" זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶע'חוֹזֶק'ט דֶערְפוּן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבְּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען. מוֹהֲרַ"שׁ הָאט גֶערֶעדְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אוּנְז: "הוֹיבְּט אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת", "הוֹיבְּט אָן זָאגְן גְמָרָא", "זוּכְט נִשְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין, בַּיים סוֹף וֶועט אִיר פַארְשְׁטֵיין", עֶס הָאט גֶעקֶענְט אוֹיסְקוּקְן ווִי אֵיינֶער בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן, אַזוֹי פְלֶעגְט מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּנְז בֶּעטְן; עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן דָאס אָנְנֶעמֶען פַאר אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע טוֹבָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִשְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען וֶוען מֶען וֶועט אוּנְז פְרֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע פְרַאגֶע (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ", הוֹיבּ אָן זָאגְן מִקְרָא וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ", הוֹיבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט; קֵיינֶער טְרַאכְט נִשְׁט פוּן דִי שְׁאֵלָה, מֶען טְרַאכְט נָאר פוּן זַאכְן פוּן דִי וֶועלְט; דֶער צַדִּיק הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, עֶר טְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען וֶועט פְרֶעגְן 'וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט?' ווִי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשָׁה, ווִי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי שַׁאנְד; מֶען וֶועט זִיךְ נִשְׁט ווִיסְן וואוּ אַהִין צוּ טוּן.

*

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען, אַז אִים אִיז נִשְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען אַז עֶר ווֵייסְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים דָאס אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹיפִיל בְּרִיוו פוּן אַלֶע סָארְט זַאכְן אוּן אַלֶעס קוּמְט צוּרִיק

צום זֶעלבְּן מְכֻוָּן, אַלֶע בְּריוּו עֶנְדיגְט זיך מִיט אֵיין עֵצָה: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן", "רֶעד צום אֵייבֶּערשְׁטְן", "שְׁמוּעֶס זיך אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערשְׁטְן"; נִישְׁט קֵיין חִילוּק וֶוער דוּ בִּיסְט, וָואס דוּ טוּסְט, וִוי אַזוֹי דוּ פִּירְסְט זיך - דֶערְצֵייל אַלֶעס דֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר, דֶערְצֵייל אִים וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אֵיין מָאל און נָאכְאַמָאל; דָאס רֶעדְן צום אֵייבֶּערשְׁטְן בְּרֶענְגְט דְבֵיקוּת בְּשֵׁם.

*

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִיקִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פון מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען, אַז אִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען אַז עֶר וֵוייסְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, זיך אוֹיסְקוּמֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, מִיט עֶלְטֶערְן, וַוייבּ און קִינְדֶער; עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

*

דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶע בְּרֶעקֶעלֶע הַשָּׂגָה וָואס מִיר קֶענֶען זָאגְן, וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן און מִיר זֶעעֶן - וָואס דֶער צַדִיק אִיז גֶעוֶוען.

***

***דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז זוֹכֶה מְחַזֵק צוּ זַיין אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי הֶערְלִיכֶע דְרָשׁוֹת, וֶוען און וִוי אַזוֹי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי זִכּוּי הָרַבִּים, אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִימוּדִים פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן און זֵיי מְחַזֵק זַיין?***

אוֹיף אֵייעֶר פְרַאגֶע וֶוען און וִוי אַזוֹי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי זִכּוּי הָרַבִּים, אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִימוּדִים פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן און זֵיי מְחַזֵק זַיין; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה, רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פון סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד און פון דִי עֵצוֹת פון רֶבִּי'ן. מִיט דִי צַייט הָאבְּן דִי בָּחוּרִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אָפְּצוּכַאפְּן דִי דְרָשׁוֹת און דָאס אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים, עֶס הָאט זיך אָנְגֶעהוֹיבְּן אַן הִתְעוֹרְרוּת אִין אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת, בָּחוּרִים הָאבְּן זיך צוּגֶעכַאפְּט צום "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד",

שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִינְגֶעלַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְתַּרְגֵם זַיין דִי דְרָשׁוֹת פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אִידִישׁ זֵיי זָאלְן אוֹיךְ פַּארְשְׁטֵיין, נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעקוּמֶען וָואס זֶענֶען מְתַּרְגֵם אוֹיף עֶנְגְלִישׁ אוּן אוֹיף סְפַּאנִישׁ; עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן.

*

יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן חֲתָנִים אִין יְשִׁיבָה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר חֲתָנִים אוּן אַבְרֵכִים, דֶעמָאלְט פְלֶעגְט זַיין שִׁיעוּרִים נִישְׁט בְּאוֹפֶן קָבוּעַ, נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט פַאר תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶעמָאלְט גֶעלֶעבְּט אִיז דָאס גֶעוֶוען אוֹיף אַ קְלֵיינֶעם פַארְנֶעם.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין דִי רֶעבֶּעצִין עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, זִי הָאט מִיר זֵייעֶר לִיב גֶעהַאט; זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר צוּוֵויינְט, זִי הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַ וָוארְט וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר אַרַיין אִין מַיינֶע בֵּיינֶער, דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין מְהַלֵּךְ מַחֲשָׁבָה, פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת בְּאוֹפֶן קָבוּעַ.

דִי רֶעבֶּעצִין הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַ זַאךְ וָואס זִי הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעזָאגְט, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט מִיט בְּכִיּוֹת נוֹרָאוֹת: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט דִי שֵׂכֶל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט מוֹהֲרָא"שׁ"; אִיר וֵוייסְט דָאךְ זִיכֶער, וֶוען דִי רֶעבֶּעצִין הָאט בַּאקוּמֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלָה לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִיר, בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אַז מֶען זָאל אִיר נִישְׁט גֶעבְּן דִי שַׁארְפֶע קִימָא טֶערֶעפִּי, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מֶען וֶועט גֶעבְּן פַאר מַיין וַוייבּ דִי שַׁארְפֶע מֶעדֶעצִין וֶועל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין נָאךְ פַאר אִיר פוּן דִי וֶועלְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זִי אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ וֶועט זִי נִישְׁט נֶעמֶען קַיין מֶעדֶעצִין וֶועט זִי זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיךְ בְּלַייבְּן לֶעבְּן"; זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אוֹיסְגֶעלַאכְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֱמוּנַת חֲכָמִים, זֵיי הָאבְּן גֶערוּפְן דָאקְטוֹירִים מִיט רַבָּנִים זָאלְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ.

לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ גֶעהַאלְטְן פֶעסְט, אוּן וֶוער עֶס אִיז

אַרײַנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים הָאט מוֹהֲרָא"ש זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "פָּאלְגְט מִיר, גֶעבְּט נִישְׁט פַאר מַיין וַוייבּ קַיין טְרִיטְמֶענְטְס, נָאר אַזוֹי וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה"; לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן טְרִיטְמֶענְטְס פַאר דִי רֶעבֶּעצִין, אוּן אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט - אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז קוֹדֶם נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען מְנַחֵם זַיין, הָאט זִי גֶעוַויינְט זֵייעֶר בִּיטֶערְלִיךְ צוּ מִיר, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט? פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלוּגֶער?!" דֶעמָאלְט הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אַ וָוארְט וָואס אִיז מִיר אַרײַן אִין מַיינֶע בֵּיינֶער, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען דִי אִינְגֶעלַייט אוּן דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין - וֶועט דִיר מַיין מַאן הַאקְן אוֹיפְ'ן קָאפּ מִיט אַ שְׁטֶעקְן, אִיךְ וָוארְן דִיר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לָאזְן צֶעפַאלְן דִי שֵׁיינֶע חֲבוּרָה", זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט אִין עֶנְגְלִישׁ אוּן מַיין וַוייבּ הָאט מִיר דָאס אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט; דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל צַאמְנֶעמֶען דִי חֲבֵרִים אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַלֶע אִינְגֶעלַייט אוּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַזֵּק זַיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

***

***דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מְחַזֵּק אוּן מְקָרֵב אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער וִויל הֶערְן אוּן מְקַבֵּל זַיין, וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה?***

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מְחַזֵּק אוּן מְקָרֵב אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער וִויל הֶערְן אוּן מְקַבֵּל זַיין, וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיס דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען דִי דִיבּוּרִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט): "לֹא כָּל דִּבּוּר נִקְרָא דִּבּוּר, כִּי דִּבּוּר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל אֵינוֹ נִקְרָא דִּבּוּר", וֶוען מֶען רֶעדְט אוּן קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט - הֵייסְט עֶס כְּאִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט, נָאר וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט - דֶעמָאלְט אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יט, ד) "אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים, בְּלִי נִשְׁמָע

קוֹלָם", וָואס אִיז דִי סוֹד מֶען זָאל אוֹיסְהֶערְן? "וְעִקַּר מַה שֶּׁנִּתְקַבֵּל הַדִּבּוּר, הוּא מֵחֲמַת הַטּוֹב שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים", אַלֶע הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶוען מֶען רֶעדְט גוּטֶע וֶוערְטֶער, מֶען רֶעדְט פַּאזֶעטִיו - הֶערְט מֶען אוֹיס דִי דִיבּוּרִים, "וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ טוֹב בְּהַדִּבּוּר, אֲזַי הַדִּבּוּר נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל", דֶערִיבֶּער, וֶוען מֶען רֶעדְט גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועלְן אַלֶע צוּהֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט, "אֲבָל כְּשֶׁאֵין טוֹב בְּהַדִּבּוּר אֵינוֹ נִתְקַבֵּל", אָבֶּער אוֹיבּ רֶעדְט מֶען נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער - וֶועט מֶען דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, "וְאֵיךְ עוֹשִׂין הַטּוֹב בְּהַדִּבּוּר", וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן פַּאזֶעטִיו, צוּ רֶעדְן אַיינְגֶענֶעמֶע וֶוערְטֶער, מֶענְטְשְׁן זָאלְן אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן אָנְנֶעמֶען וָואס עֶר זָאגְט? "הוּא עַל יְדֵי שֶׁלּוֹקְחִין הַדִּבּוּר מֵהַדַּעַת, אֲזַי יֵשׁ בּוֹ טוֹב, אֲבָל כְּשֶׁהַדִּבּוּר בְּלֹא דַעַת, אֲזַי אֵין בּוֹ טוֹב", אַז מֶען רֶעדְט מִיט שֵׂכֶל; וֶוען מֶען רֶעדְט שֵׂכֶל'דִיגֶע וֶוערְטֶער - דֶעמָאלְט אִיז דָא גוּטְס אִין דִי וֶוערְטֶער אוּן אַלֶע נֶעמֶען דָאס אָן, אָבֶּער אַז נִישְׁט - זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער נִישְׁט גוּט, "וּלְהָקִים וּלְרוֹמֵם אֶת הַדַּעַת הוּא עַל יְדֵי שֶׁבַח הַצַּדִּיקִים, כְּשֶׁמְּשַׁבְּחִין וּמְפָאֲרִין אֶת הַצַּדִּיקִים, עַל יְדֵי זֶה נִתְרוֹמֵם הַדַּעַת", אוּן דֶער רֶבִּי עֶנְדִיגְט צוּ: וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ הָאבְּן שֵׂכֶל? אַז מֶען רֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים.

דָאס אִיז דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט צוּ בְּנֵי הַנְּעוּרִים - זֵיי זָאלְן אָנְנֶעמֶען דִי דִיבּוּרִים. אַז מֶען רֶעדְט פוּן צַדִּיקִים, מֶען רֶעדְט הִתְחַזְקוּת, מֶען וַוייזְט דִי רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין טוּמְאָה קֶען עֶר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי דִיבּוּרִים אִיז נִתְקַבֵּל עַל הַלֵּב, מֶען רֶעדְט פַּאזֶעטִיו, מֶען וַוייזְט דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס הָאבְּן מֶענְטְשְׁן לִיבּ צוּ הֶערְן.

***

*וָואס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב אַז עֶס צִיט צוּ זִיךְ אַזוֹיפִיל אִידְן? מִיט וָואס הָאט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת אַן עֶנְטְפֶער אוּן עֵצָה פַאר דִי פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן סְפֵיקוֹת וָואס מוּטְשֶׁעט דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר?*

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וָואס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב אַז עֶס צִיט צוּ זִיךְ אַזוֹיפִיל אִידְן? מִיט וָואס הָאט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת אַן עֶנְטְפֶער אוּן עֵצָה פַאר דִי פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן סְפֵיקוֹת וָואס מוּטְשֶׁעט דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר; דָאס וָואס מִיר הָאבְּן פְרִיעֶר גֶערֶעדְט - דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן צִיעֶן זִיךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט חִיזוּק, דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט פַאלְן, דִי חִיזוּק וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי'ן - גֶעפוּנְט מֶען נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, דֶער רֶבִּי לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי נִידְרִיגְסְטֶע מֶענְטְשׁ אוּן וַוייזְט אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען הַיינְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג פַאר חִיזוּק, אִידִישֶׁע קִינְדֶער בֶּענְקֶען זִיךְ זֵייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג) מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען; פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען דִי נִסְיוֹנוֹת הַיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶענְטְשְׁן פַאלְן זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפּ אוּן דָאס צֶעבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן; בִּיז מֶען הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן רֶבִּי'ן (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, קַיין יִאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פַאר הַאנְדְן"; נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ! יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דַארְפְסְט נָאר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

דָאס אִיז דֶער עֶנְטְפֶער פַארְוָואס בְּרֶסְלֶב צִיט אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ, קַיין מִשְׁפָּחָה - וָואס דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזוּק.

***

***חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב וֶוערְט הַיינְט זֵייעֶר צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן גֶעפֶנְט אוֹיף גָאר אַ בְּרֵייטֶע פַארְנֶעם, קֶעגְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק; וָואס אִיז דִי סִיבָּה פוּן דֶעם גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טוּישׁ וָואס הָאט פַּאסִירְט?***

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע פַארְוָואס חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב וֶוערְט הַיינְט אַזוֹי צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן גֶעפֶנְט אוֹיף גָאר אַ בְּרֵייטֶע פַארְנֶעם, קֶעגְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק; אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס אִיז

גֶעוֶועֶן פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶועֶן קַיין מִנְיָן אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוְוּיסְט וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט אַרוֹיס דָאס וָוארְט "בְּ רֶ סְ לֶ ב", דוּרְךְ הֲפָצָה הָאט מוֹהֲרָא"ש אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט וִויסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט נֶעמֶען חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן; אֲפִילוּ דִי מִתְנַגְדִים לֶעבְּן אוֹיךְ פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט; זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי הָאבְּן חִיזוּק פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן פוּן וֶועם זֵיי נֶעמֶען חִיזוּק - עֶר נֶעמְט חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן.

*

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתלו הֶעָרָה צ) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נַפְתָּלִי עֶר זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן עֶפֶּעס סוֹדוֹת פוּן מְגִלַּת סְתָרִים, זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיסְגֶעזָאגְט וָואס וֶועט זַיין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, הָאט רֶבִּי נַפְתָּלִי גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "וֶוען דִי וֶועלְט וֶועט אָנְנֶעמֶען דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן קֶען מֶען זִיךְ רֶעכְנְן אוֹיף מָשִׁיחַ"; דָאס זֶעט מֶען הַיינְטִיגֶע טֶעג, וִוי עֶס גֵייט אַרַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִין דִי וֶועלְט מֶער אוּן מֶער, עֶס וֶוערְן מְקוּרָב פוּן אַלֶע שִׁיכְטְן אוּן פוּן אַלֶע קְרֵייזְן, אוּן וִויפִיל מֶען זֶעט אוּן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס - אִיז דָאס נָאךְ גָארְנִישְׁט וִויפִיל לֶעבְּן פוּן רֶבִּי'ן; אַלֶע הָאבְּן חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן.

דִי אַדְמוֹרִי"ם וֵוייסְן נִישְׁט אַז אַלֶע זֶענֶען שְׁטִילֶערְהֵייט בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, בַּאלְד וֶועט דִי פֵייגְל גֶעבְּן אַ פַייף אוּן אַלֶע וֶועלְן פְלִיעֶן מִיטְן פֵייגְל קַיין אוּמַאן. אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תרג) עֶס אִיז דָא אַ פֵייגְל וָואס לֵייגְט זַייעֶר אַסַאךְ אֵייעֶר, דִי פֵייגְל לֵייגְט אַזוֹיפִיל אֵייעֶר אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ פַאר דִי פֵייגְל צוּ זִיצְן אוֹיף דִי אֵייעֶר אוּן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם פֵייגְל אַ טֶבַע אַז זִי שְׁוִוינְדְלְט אַרַיין אֵייעֶר אִין אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן. דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן כַאפְּן נִישְׁט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם שְׁפִּיל, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן זִיצְן אוֹיף דִי אֵייעֶר בִּיז עֶס וֶוערְן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, אַזוֹי טוּט דִי פֵייגְל מִיט אַסַאךְ נֶעסְטְן, אַלֶע פֵייגְלֶעךְ מֵיינֶען אַז דִי

אֵייעֶר זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, בִּיז דִי פֵייגְל, דִי עֶכְטֶע מַאמֶע - גֶעבְּט אַ פַּייף, אוּן וֶוען דִי אַלֶע גֶעבּוֹירֶענֶע פֵייגֶעלֶעךְ הֶערְן דֶעם פַּייף הֵייבְּן זִיךְ אַלֶע אוֹיף פוּן זֵייעֶר נֶעסְט אוּן פְלִיעֶן מִיט דִי עֶכְטֶע מַאמֶע.

רֶבִּי נָתָן עֶנְדִיגְט דֶעם שִׂיחָה: "וְהַנִּמְשָׁל מוּבָן מְעַט לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ אֵיזֶה רֶמֶז מֵענְיַן גְּדֻלַּת עֵסֶק הַנְהָגַת שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִם הָעוֹלָם", דִי נִמְשָׁל פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין דִי וָואס וֵוייסְן וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיט זַיינֶע מְקוֹרָבִים, מֶען מֵיינְט זֵיי בַּאלַאנְגֶען צוּ אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'ן, צוּ דֶעם רֶבִּי'ן, צוּ דֶעם מְפֻרְסָם וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵייעֶר, בַּאלְד וֶועט דֶער רֶבִּי גֶעבְּן אַ פַּייף אוּן אַלֶע וֶועלְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אִיבֶּערְלָאזְן זֵייעֶרֶע נֶעסְטְן אוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט זַיין צוּפְרִידְן מִיט דִי תְּשׁוּבוֹת אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ תּוֹעֶלֶת פוּן דֶעם.

***

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אֵיין קְלֵיינֶע בַּקָּשָׁה, הֱיוֹת אִיר גֶעבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר, אִיר נֶעמְט צוּזַאם פוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן פוּן אַלֶע וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, זָאלְט אִיר אַרַיינְדְרוּקְן דִי פָּאר שׁוּרוֹת:

טַייעֶרֶע לִיבֶּע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט מִיט הוּנְדֶערְטֶער יָארְן צוּרִיק (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיט): "אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת", אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן אַייךְ גְרוּפֶּעס גְרוּפֶּעס; דָאס מֵיינְט עֶס וֶועט זַיין אַסַאךְ כִּיתּוֹת אִין בְּרֶסְלֶב, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט גֵיין דָארְט וואוּ זַיין הַארְץ צִיט אִים, דָארְט וואוּ עֶר קֶען שֶׁעפְּן חַיּוּת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דֶערִיבֶּער זֶעעֶן מִיר וִויפִיל כִּיתּוֹת עֶס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב בִּכְלַל אוּן יֶעצְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בִּפְרַט, אָבֶּער מִיר מוּזְן זִיךְ קֶענֶען לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, הֶערְט אוֹיף זִיךְ פַיינְט הָאבְּן, לָאזְט אָפּ דִי פַיינְטְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אוּנְז, לָאמִיר זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. אִיר גֶעדֶענְקְט דָאךְ אַלֶע אִין אוּמַאן דִי פֵייעֶרְדִיגֶע תְּקִיעַת שׁוֹפָר

דְרָשׁוֹת, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי מַרְאֶה נוֹרָא וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"ש; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט מוֹהֲרָא"ש צֶען יָאר, פוּן שְׁנַת תשס"ו - וָואס אִיז גֶעוֶוען מַיין עֶרְשְׁטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן קַיין לַאנְגֶע תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי לֶעצְטֶע צֶען יָאר הָאט מוֹהֲרָא"ש נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין דְרָשָׁה פַאר שׁוֹפָר בְּלָאזְן, חוּץ צְוֵויי מָאל הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶערֶעדְט פַאר בְּלוֹיז צְוֵויי מִינוּט, אָבֶּער מִיט אַזַא גֶעוֵויין... וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ נָאר פוּן דֶעם וֵויין אִיךְ.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ רֶעדְן, אָבֶּער אֵיין זַאךְ וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, וֶוער עֶס הָאט אַ שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד דָא אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בֶּעט אִיךְ אִים עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ" - מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוֵויינְט, קוֹים וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט רֶעדְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן זַיין רֵיינֶע הַארְץ: "אִיךְ וִויל הָאבְּן רֵיינֶע ד' אַמּוֹת אָן קַיין מַחֲלֹקֶת, אָן קַיין שִׂנְאָה אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן", יֶעדֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין שׁוּל הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. מֶען הָאט גֶעזֶען וָואס מוֹהֲרָא"ש וִויל בֶּאֱמֶת, וִוי עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁרַייבְּט אִין דִי לֶעצְטֶע בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין שְׁפִּיטָאל אַפָּאר שָׁעָה פַארְן הִסְתַּלְּקוּת, פַאר דִי אִינְגֶעלַייט: "אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן אַייךְ, עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט".

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## וֶוער הָאט דֶען יָא גֶעלְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער דַיינֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת, כַאפּ אַרַיין נָאךְ אַ שַׁחֲרִית בָּזֶה הָעוֹלָם, נָאךְ אֵיין מָאל טוּ אָן טַלִית וּתְפִילִין, דוּ וֵוייסְט וָואס מֵיינְט נָאךְ אֵיין מָאל אָנְטוּן טַלִית וּתְפִילִין? מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִין דִי אַכְצִיגֶער יָארְן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעוֵויינְט: "רֶבִּי, עֶס אִיז מִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן אִיךְ ווִיל שְׁטַארְבְּן!" הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער גֶעזָאגְט: "בִּיסְט אַ גְרוֹיסֶער טִפֵּשׁ פַארְן זָאגְן אַזוֹי, וַוייל עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן אַכְצִיג יָאר אַבִּי צוּ לֵייגְן תְּפִילִין אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן, אוּן דוּ ווִילְסְט שְׁטַארְבְּן?!"

דוּ וֵויינְסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וֶועם דוּ טְרֶעפְסְט, וֶועם דוּ זֶעסְט - זִינְגְסְטוּ דִי נִיגוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, כְּאִילוּ דוּ בִּיסְט דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וֶוער הָאט דֶען יָא גֶעלְט? דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעלְט?! דֶער עוֹשֶׁר אִיז סַאךְ מֶער אָרֶעם, "יֵשׁ לוֹ מָנֶה רוֹצֶה מָאתַיִם", ווִי מֶער גֶעלְט מֶען הָאט - ווִיל מֶען דָאפְּלְט, קוּמְט אוֹיס, דִי וָואס הָאבְּן גֶעלְט - זֶענֶען אַסַאךְ מֶער אָרֶעם, וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן רֶעדְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן גֶעלְט? גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אִים זָאלְסְטוּ בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

דִי וָואךְ אִיז קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק נֶעמֶען צוּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים

כְּסִדְרָן, נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן הַיינְט, פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פוּן פְּרִישׁ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, לֶערְן מִשְׁנַיוֹת, זָאג כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג; דֶער וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, דִי לֶעבְּן בַּאקוּמְט אַ גֶעשְׁמַאק.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, לְכָל הַפָּחוֹת דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, וֶועסְטוּ אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שׁוֹין אַכְצִיג טֶעג נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי נַייעֶס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר אַז דוּ הַאלְסְט שׁוֹין אָן דַיין גוּטֶע קַבָּלָה נִישְׁט אוֹיסְצוּהֶערְן דִי נַייעֶס (דִי אִידִישֶׁע נַייעֶס הַאט לַיין) - שׁוֹין אַכְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי, נָאכְן זַיין אַזוֹי פַּארְ׳כִּישׁוּפְ׳ט אִין דֶעם, דוּ פְלֶעגְסְט זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דֶעם, עֶס רוּפְן הוּנְדֶערְטֶער מָאל אַ טָאג, אוּן יֶעצְט בִּיסְטוּ אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ נִיצְט אוֹיס דַיין צַייט פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן הֶעלְפְן אוֹיסְפִירְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת וָואס פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאף צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ, צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן, מִיט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאר שְׁטַארְק זִיךְ, פַּארְפֶעל נִישְׁט אַ טָאג אָן לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. מַה טוֹב וּמַה נָעִים אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זִיבְּן דַפִּים גְמָרָא, דֶעם יוֹם תְּהִלִים, אוּן אַבִּיסְל הֲלָכָה, קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו, אִיךְ ווִיל זַיין מִיט דִיר צוּגֶעבִּינְדְן.
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
...

## זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ'**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס בַּיי עֶנְק, אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיז גוּט צוּ טוּן אִין דִי חֳדָשִׁים? זָאגְט שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט פַאר פְרוּיעֶן וָואס וַוארְטְן, מֶען זָאל זָאגְן אִין דִי חֳדָשִׁים "שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" - נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד. ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; זָאלְט אִיר זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְווֵיינִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרָא"שׁ מִיַּבְנְאֵל וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ

**נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין וִוילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִּי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ״יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן דִי מְחַנְּכִים אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר זֵייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ (עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט מַאכְן) אַז דַיין קִינְד דֶערְצֵיילְט זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט אִים, וָואס לְדַעְתְּךָ טוֹיג עֶס נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט חָרוּב מַאכְן בְּיָדַיִם, נָאר זֵיי זָאגְן: ״טַאטִי וֶועט רֶעדְן מִיטְן מְלַמֵּד אוּן מִיטְן מְנַהֵל, אָבֶּער דוּ מוּזְט הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַארְן מְלַמֵּד אוּן פַאר דִי טִיטְשֶׁער״, וַוייל חַס וְשָׁלוֹם אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט פוּן זִלְזוּל - הָאסְטוּ אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי חִינוּךְ פוּן דִי גַאנְצֶע יָאר פוּן דַיין קִינְד, אוּן אוֹיב דוּ וֶועסְט חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אַ וָוארְט קֶעגְן זַיין מְנַהֵל, אָדֶער חֵדֶר - הָאסְטוּ גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דָאס קִינְד וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מֶער מְקַבֵּל זַיין דִי אַלֶע יָארְן וָואס עֶר לֶערְנְט אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶענוּג אוּן נָאךְ מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען הָאט זֵיי בַּא׳עַוְולֶה׳ט וְכוּ׳, וָואס הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט? ״אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דַיין רֶבִּי, אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דַיין טִיטְשֶׁער, אָבֶּער אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דַיין רֶבִּי אוּן פַאר דַיין טִיטְשֶׁער״, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט מִיטְן מְנַהֵל מְנַהֶלֶת אָדֶער מִיטְן מְלַמֵּד אַלֵיין, אוּן זִיךְ

נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס גֵייט פָּאר, און זֵיי גֶעזָאגְט ווִי שְׁטַארְק אִיךְ בִּין זֵיי מַעֲרִיךְ, ווִי אִיךְ שֶׁעץ זֵייעֶר שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט, און אֶפְשָׁר זָאל מֶען מַאכְן אַזוֹי, אָדֶער אַזִי, אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלַאכְט אָדֶער אַוֶועק גֶעמַאכְט דֶעם מְלַמֵּד אָדֶער טִיטְשֶׁער פַאר מַיינֶע קִינְדֶער.

הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס מֵיינְט זַיין אַ מְלַמֵּד און אַ טִיטְשֶׁער, הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג דִי שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט, און דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן דִי שְׁטִיבֶּער וָואס זֶענֶען נִישְׁט פָּארְזִיכְטִיג, וֶוען אַ קִינְד זָאגְט מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ מַיין טִיטְשֶׁער הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, און אַז דִי עֶלְטֶערְן רֶעדְן דִּבְרֵי זִלְזוּל און דִי קִינְדֶער קוּמֶען מִיט אַ חוּצְפָּה און מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פַאר דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער - אִיז דָאס אַ חוּרְבָּן לְדוֹרוֹת.

גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, הֶעלְף מִיר מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען און טוּן מִצְוֹת", רֶעכְן אוֹיס יֶעדְן קִינְד און יֶעדְן אֵיינִיקְל יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג, תְּפִלָּה אִיז דִי יְסוֹד פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבְן אַ גוּטֶע גֶעפִיל פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

גֶעדֶענְק צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי מְלַמְּדִים און פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; דָאס אִיז אַזוֹי ווִיכְטִיג, ווַייל אַלֶע דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק. דִי מְלַמְּדִים בַּיי אוּנְז דַארְפְן מֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער, בַּיי אוּנְז אִיז דִי אַרְבֶּעט שְׁוֶועֶרֶער און הֵיילִיגֶער, אִיז דָא אוֹיף דֶעם מֶער מְנִיעוֹת, אַלֶע הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת מִיט בִּלְבּוּלִים וְכוּ' וְכוּ', און מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען נֶעכְטְן אִין שְׁטֶעטְל אִין חֵדֶר און אִין בֵּית פֵיגָא, אִיךְ הָאב גֶעזֶען ווִי אַלֶע וַוארְטְן אויף אַ גוּט וָוארְט, אויף אַבִּיסְל חִיזוּק וְעִידוּד; סַיי אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה און סַיי אִין בֵּית פֵיגָא, און דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת, צוּ גֶעבְן דִי גוּטֶע גֶעפִיל פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אַז זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז חָשׁוּב.

אִיךְ וֶועל דִיךְ מְחַזֵק זַיין און דוּ זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, און וֶוער וֶועט מִיךְ מְחַזֵק זַיין? אִיךְ וֶועל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְן כֹּחַ צוּ טוּן מַיין שְׁלִיחוּת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְן - בֶּאֱמָנוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ טִיטְשֶׁער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ טִיטְשֶׁער, לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועג, אַרַיינְלֵייגְן אִין אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג, און קוּקְט נִישְׁט אויף דִי חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אויף אַייךְ, קוּקְט נִישְׁט אויף דִי בִּלְבּוּלִים וְכוּ', זַייט שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, וֶוייִנִיג עֶלְטֶערְן וֵוייסְן ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ גָאר חָשׁוּבְ'עֶ עֶלְטֶערְן מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז זֵיי וֵוייסְן ווִי צוּ זַיין אַ מְחַנֵךְ, און וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים און וֵויינֶען אַז מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט לִיבּ וְכוּ' וְכוּ', פַארְגֶעסְט מֶען וָואס אִיז רִיכְטִיג, מֶען מַאכְט אַוֶועק וְכוּ', מֶען מַאכְט מֶער שָׁאדְן ווִי מֶען טוּט אויף.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ אַייךְ, נֶעמְט עֶס נִישְׁט פֶערְזֶענְלִיךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ אַלֶע תַּלְמִידוֹת און רַחְמָנוּת

הָאבְּן אוֹיף אַלֶעמֶען, אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען לִיכְטִיג און טֵייעֶר, און מִיט תְּפִלָּה הָאט מֶען חֵן און סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, מֶען הָאט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל, אִינְוֶועסְטִירְט אִין זַיין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס פַארְבְּרֶענְגְסְטוּ בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ? הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט אַ וַוייבּ - דַארְפְסְטוּ אַהֵיים גֵיין, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי זַיין בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן, דָאס אִיז פוּן דִי א-ב אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אֲפִילוּ לֵיל שִׁישִׁי אַז דוּ קוּמְסְט צוּם שִׁיעוּר - זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין וָואס פְרִיעֶר, און אוֹיךְ אַז דוּ גֵייסְט דַאוֶונֶען מַעֲרִיב און דוּ גֵייסְט לֶערְנֶען בַּיי אַ שִׁיעוּר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ; הָאסְט אַ וַוייבּ, גֵיי אַהֵיים און שְׁמוּעֶס מִיט אִיר, פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר, און אַז דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ.

פַארְבְּרֶענְגֶען נִישְׁט דַיינֶע נֶעכְט מִיט חֲבֵרִים וָואס דַארְפְן דִיךְ נִישְׁט, זֵיי דַארְפְן דִיךְ נָאר פַאר זֵייעֶר נוּצְן, וֶוען וֶועסְטוּ שׁוֹין אוֹיסְוַואקְסְן דִי קִינְדֶערִישְׁקֵייט, וֶוען וֶועסְטוּ זִיךְ כַאפְּן אַז עֶס לוֹינְט צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ און קִינְדֶער? בִּיסְט שׁוֹין דֶערְוַואקְסְן, שׁוֹין צַייט אוֹיסְצוּטוּן דִי קִינְדֶער שִׁיךְ, קְלֵיינְקֶעפִּיגֶע אִינְגֶעלַייט, דִי זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חֲבֵרִים, אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל אִינְוֶועסְטִירְט אִין שְׁטוּבּ.

גֵיי אַהֵיים, גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל אִין שְׁטוּבּ, גֶעבּ אַ גוּט וָוארְט אִין שְׁטוּבּ, מֵיינְסְט מֶען דַארְף פָארְן בִּיז אַ תְּפִיסָה מְחַיֵּ׳ צוּ זַיין אַ אִיד? אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ קֶען מֶען בַּאזוּכְן, מֶען קֶען זַיין אִין שְׁטוּבּ און מֶען אִיז אִין תְּפִיסָה, דִי וַוייבּ אִיז אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, זִי הָאט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, זִי הָאט נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, זִי אִיז פַארְקְלֶעמְט; גֵיי אַהֵיים, זַיי אִיר מְחַזֵּק, גֶעבּ אִיר אַ גוּט וָוארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד מַאכְט הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ אַז דוּ גֵייסְט הֲפָצָה, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אִיז דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן הֲפָצָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הֲפָצָה, מוֹהַרְא"שׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן נָאר פַאר הֲפָצָה, אוּן דָאס דַארְפְן מִיר טוּן, דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער צִיל, וִוי קֶען אִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי קֶען אִיךְ גֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן?

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז נֶעכְטְן בַּיי הֲפָצָה הָאסְטוּ גֶעהַאט בִּזְיוֹנוֹת; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, בִּזְיוֹנוֹת בַּיי אוּנְז אִיז קֶעשׁ, מֶען קוּמְט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן תְּשׁוּבָה.

גֵיי וַוייטֶער הֲפָצָה, אוּן אַז מֶען פַארְטְרַייבְּט דִיר וְכוּ' - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַנְדֶערֶע שׁוּלְ'ן, אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער. מוֹהַרְנַ"תְּ הָאט גֶעזָאגְט וֶוען מֶען הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן שְׁטוּבּ פוּן בְּרֶסְלֶב: "וואוּ אִיךְ וֶועל גֵיין וֶועל אִיךְ מַאכְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער מַאן פַארְמַאכְט דֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיים לֶערְנֶען

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַייעֶר בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע גְלִיק אוֹיף דִי וֶועלְט ווִי דִי פְּרוֹי וָואס אִיז זוֹכֶה אַז אִיר מַאן לֶערְנְט תּוֹרָה. דָאס לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער ווִי אַ שָׁאטְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב), אוֹיפְן פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, טו): "כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה", ווִי אַ שָׁאטְן וָואס גֵייט פַארְבֵּיי גֵייעֶן דוּרְךְ דִי יָארְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", עֶס גֵייט דוּרְךְ אַזוֹי שְׁנֶעל, נִישְׁט ווִי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט, אוּן נִישְׁט ווִי דֶער שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, נָאר ווִי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְּלִיט, אוּן נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים - בְּלַייבְּט אִיבֶּער.

אַז אַייעֶר מַאן פַארְמַאכְט זַיין טֶעלֶעפָאן בְּמֶשֶׁךְ דִי שָׁעוֹת וָואס עֶר זִיצְט אִין כּוֹלֵל אוּן לֶערְנְט - זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן, דָאס וָואס אִיר הֶערְט שְׁמוּעֶסְן וְכוּ' אַז נָאר אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי טֶעלֶעפָאן וֶוען דִי ווַייבּ רוּפְט, דָאס מֵיינְט נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אָדֶער אִיז פַארְנוּמֶען מִיט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', דָאס רֶעדְט מֶען פוּן אַ הוּלְטֵיי וָואס טוּט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, אוּן אַז דִי ווַייבּ וַוארְט וְכוּ', אוּן אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט אָפּ אַהֵיים צוּ קוּמֶען אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, זִי ווִיל עֶר זָאל קוּמֶען הֶעלְפְן, הֵייבְּט עֶר נִישְׁט אוֹיף דִי טֶעלֶעפָאן, אָבֶּער אַז דֶער מַאן לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן לֶעשְׁט אוֹיס זַיין טֶעלֶעפָאן, נִישְׁט נָאר פַאר אַייךְ, נָאר פַאר יֶעדְן - זָאל עֶס אַייךְ נִישְׁט בַּאדֶערְן.

ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענְט אִיר אַז אַייעֶר מַאן לֶערְנְט, אַייעֶר מַאן דַאוֶוענְט, אַייעֶר מַאן אִיז אַ צַדִּיק; ווִיפִיל זֶענְט אִיר שׁוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִים צוּ לוֹיבְּן אוּן אִים צוּ דַאנְקֶען. דָאס אִיז דִי שְׂכַר וָואס פְרוֹיעֶן זֶענֶען זוֹכֶה, אַז זֵיי לָאזְן דֶעם מַאן לֶערְנֶען, אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ אוּן זֵיי פַארְקוּקְן אוֹיף דִי צַייטְוֵוייְלִיגֶע הֲנָאוֹת וָואס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, עֶס גֵייט אַוֶועק ווִי אַ חָלוֹם, אוּן ווִי רוֹיךְ.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, לָאזְט נִישְׁט דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַרַיין בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, דָאס אִיז דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה וָואס ווִיל אַייךְ צֶעבְּרֶעכְן, לָאזְט אִים נִישְׁט, וַוארְפְט אִים אַרוֹיס מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ דַארְף אַ מַאן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַ מַלְאָךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַּארְוָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ מְצַעֵר זַיין דִי וַוייבּ אוּן אִיר נִישְׁט גֶעבְּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט וְכוּ'; דַיין וַוייבּ וֵויינְט וֶועגְן דִיר, זִי זָאגְט דוּ לֶעבְּסְט נִישְׁט מִיט אִיר פַאר גַאנְצֶע חֲדָשִׁים, זִי ווִיל אַ מַאן, שׁוֹין אַ יָאר וָואס דוּ לֶעבְּסְט נִישְׁט ווִי דִי תּוֹרָה הֵייסְט אוּנְז לֶעבְּן, זִי אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, אֲפִילוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען אַ מַלְאָךְ וָואלְט זִי אוֹיךְ גֶעמֶעגְט פַארְלַאנְגֶען זִי ווִיל אַ מַאן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער חַנָּה צִירְל מִיט דֶעם צַדִּיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן, דֶער זוּן פוּן הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן דֶער רָב פוּן בְּרֶסְלֶב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; רֶבִּי נָתָן הָאט בַּאמֶערְקְט אוֹיף אִיר נָאךְ אִיר חֲתוּנָה אַז זִי אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט בַּיי אִיר, הָאט זִי זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז אִיר מַאן רֶבִּי נַחְמָן אִיז אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוֹן פוּן דִי וֶועלְט, "עֶר אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַ מַלְאָךְ", זִי הָאט גֶעוֵויינְט: "אִיךְ דַארְף אַ מַאן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַ מַלְאָךְ", זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט גֶטְ'ן; אִיז וָואס אִיז דַיין פְּלַאן?

דוּ בִּיסְט אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דוּ בִּיסְט מְקוּשָּׁר צוּ דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, זֶעסְטוּ אַוַדַאי וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט אוּן וָואס

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז וָואס אִיז פְּשַׁט אַז נָאכְן דִיר שְׁרַייבְּן אַזוֹיפִיל בְּרִיוו מַאכְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, דוּ גֵייסְט דַיין אֵייגֶענֶע וֶועג?!

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, פִיר זִיךְ אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, גֶעב דַיין וַוייבּ וָואס דִי תּוֹרָה הֵייסְט, גֶעבּ אִיר וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, וֶועט דִיר זַיין גוּט בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיינֶע קִינְדֶער זֶעעֶן וִויפִיל גֶעדוּלְד דוּ הָאסְט צוּ זֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, קוֹיף אַבִּיסְל פֵּירוֹת אוּן זִיץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. דֶערְצֵייל זֵיי דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבּ זֵיי אַבִּיסְל צַייט.

דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט נַארִישׁ, זֵיי זֶעעֶן וִוי סַאךְ גֶעדוּלְד דוּ הָאסְט צוּ זֵיי, אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, אַ קִינְד פוּן צְוֶועלְף יָאר פְרֶעגְט אִים: ״פַארְוָואס וֶוען דוּ רֶעדְסְט צוּ מַיין טַאטֶע רֶעדְט עֶר אַזוֹי שֵׁיין צוּ דִיר, אוּן וֶוען אִיךְ פְרֶעג אִים עֶפֶּעס, זָאגְט עֶר אָן גֶעדוּלְד ׳נוּ, וָואס ווִילְסְטוּ? וָואס פְרֶעגְסְטוּ? עֶנְדִיג שׁוֹין!׳״ דֶער אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט, עֶס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע קִיצְל, עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן פַאר זִיךְ, אַז קִינְדֶער הַאלְטְן אַלֶעס מִיט, קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט נַארְן.

גֶעבּ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַבִּיסְל צַייט, הֶער זֵיי אוֹיס זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיוֹת, זֵייעֶרֶע חֲלוֹמוֹת אוּן דֶערְצֵייל זֵיי אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן תְּפִלָּה. וַוייל זֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּן דַיין טֶעלֶעפָאן, וַוייל זֵיי נִישְׁט קַיין קְלִיפְּס, לָאז זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. אוֹיךְ דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן מִיט דִי טֶעלֶעפָאן, וַוייל וֶוען אַ פְרוֹי עֶפְנְט דִי אוֹיגְן - אִיז גָאר בִּיטֶער, אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט צוּרִיק דְרֵייעֶן. דִי מַעֲלָה אוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז דִי

צְנִיעוּת און תְּמִימוּת, און ווִי נָאר מֶען עֶפְנְט דִי אוֹיגְן צוּ דִי גוֹי׳אִישֶׁע וֶועלְט - אִיז מֶער נִישְׁטָא דִי אִידִישֶׁע מַאמֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶל, דָאס אִיז וָואס מַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן לֵיידֶער גֶעזֶען, ווִי טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אַ תְּמִימוּת׳דִיגֶע וַוייבּ וָואס ווִיל לֶעבְן פָּשׁוּט, אֵיידְל, פְּרִיוַואט און בַּאשֵׁיידְן, אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, און וֶוען זֵיי הָאבְּן דָאס אַרָאפְּגֶערִיסְן הָאט זִיךְ עֶס שְׁטַארְק צֶערִיסְן און עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְן פוּן זֵייעֶר לֶעבְן.

גֵיי נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיין חַבֶר׳ס וַוייבּ, גֵיי נִישְׁט עֶסְן בַּיי חֲבֵרִים, סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז נִישְׁט קַיין פַּארְטִי; מֶען קֶען גֵיין צוּ אַ טַאטֶע מַאמֶע אָדֶער שְׁוֶוער שְׁווִיגֶער, זֵיידֶע בַּאבֶּע, אָבֶּער צוּ פְרַיינְט (אָן דִי אוֹת ר׳) - אִיז נִישְׁט גוּט, עֶס קֶען זִיךְ עֶנְדִיגְן זֵייעֶר בִּיטֶער, קֶען זַיין דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן מֶער וֶוער עֶס זָאל וַואשְׁן דַיינֶע וֶועשׁ, וֶוער עֶס זָאל דִיר מַאכְן עֶסְן וְכוּ׳.

דִי וָואךְ שַׁבָּת גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר וֶועלְן מַאכְן אַ יָארְצַייט סְעוּדָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת נֶעבְּן שְׁטֶעטְל, אִינֶעם רַאלִי הָאטֶעל, מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָּׁה וָואס מִיר וֶועלְן אוֹיסְטֵיילְן בַּיים מַעֲמָד, מִיר ווִילְן זִיךְ צוּטֵיילְן אֵיינִיג מִיט דִי יְרוּשָּׁה. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה און אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיסְפִירְן דִי יְרוּשָּׁה פוּן מוֹהֲרָא״ש, צוּ דְרוּקְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס הָאט דִי כֹּחַ צוּ מְחַזֵק זַיין יֶעדְן אִיד און מִיט דֶעם בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

שַׁבָּת יִתְרוֹ קַבָּלַת הַתּוֹרָה וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ וֶועל דַאוֶונֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ רְחוֹב יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ קִינְד מוּז מֶען לָאזְן רֶעדְן צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים, עֶר זָאגְט אַז עֶר גֵייט קוּמֶען קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ, מִיר וֶועלְן רֶעדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען וִוי אַזוֹי דִי זַאךְ זָאל צוּגֵיין.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען נָאר אַ טוֹבָה פוּן דֶעם, ווַייל דָאס אִיז רִיכְטִיג אוּן דָאס אִיז פַאר דִי גֶעזוּנְט פוּנֶעם קִינְד; אַ קִינְד מוּז מֶען לָאזְן רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אוּן אוֹיבּ מֶען הַאלְט צוּרִיק אַ קִינְד פוּן רֶעדְן מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס נִישְׁט גֶערֶעכְט, אוֹיךְ שַׁאדְט עֶס פַארְן זֶעל פוּנֶעם קִינְד, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דָאס קִינְד וַואקְסְט אוֹיף אוּן עֶר זֶעט אַז מֶען הָאט אִים אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן רֶעדְן מִיט זַיין טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע - קֶענֶען זֵיי דָאס נִישְׁט מוֹחֵל זַיין.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָ׳ צוּ זַיין אַ שַׁמָּשׁ אִין מִירוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין מִירוֹן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם וָואךְ, שַׁבָּת פַּרְשַׁת בֹּא. מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען שַׁבָּת אִין מִירוֹן אוּן גֶעהָאלְפְן מִיט דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים, טֵיילְן עֶסְן אוּן רוֹימֶען, זִי הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט צוּ גֵיין.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָ׳ צוּ זַיין אַ שַׁמָּשׁ אִין מִירוֹן בַּיים תַּנָא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, לַאנְגֶע יָארְן הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ שַׁמָּשׁ אִין

מִירוֹן, אִיךְ פְלֶעג קָאכְן דִי עֶסְן, טֵיילְן דִי עֶסְן אוּן רֵיינִיגְן פַאר דִי גֶעסְט וָואס קוּמֶען קַיין מִירוֹן.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען דָארְט פַאר נָאךְ צְוֵויי שַׁבָּתִים, אוּן אַז דוּ הָאסְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ גֵיין הֶעלְפְן - וֶועל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אִיךְ הֶער פוּנֶעם מַגִיד שִׁיעוּר רֶבִּי מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר אוֹיף דִיר נָאר גוּטֶע גְרִיסְן, וֶוען מֶען דַאוֶונְט - דַאוֶוענְסְטוּ, וֶוען מֶען לֶערְנְט - לֶערְנְסְטוּ, אוּן וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס הֶעלְפְן - בִּיסְטוּ דֶערְבֵּיי מִיט דִי גַאנְצֶע חַיוּת אוּן פְרִישְׁקֵייט.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ חָתָן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דַיין טֶעלֶעפָאן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אִיךְ בַּאטְרַאכְט דִיךְ אִין יְשִׁיבָה, דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם קֵיין אֵיין וָוארְט, בִּיסְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דַיין טֶעלֶעפָאן, דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אִין אַ טִיפֶע מָרָה שְׁחוֹרָה; אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אִיךְ בִּין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ מַיין טֶעלֶעפָאן, אִיךְ בִּין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אִיךְ בִּין טִיף צֶעבְּרָאכְן, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ דַארְף בַּאלְד חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ וֶועל קוּקְן טָאג אוּן נַאכְט אִין דִי טֶעלֶעפָאן אוּן הֶערְן אִינְטֶערְוְויָאס פוּן דִי בַּאנְדֶע מְשׁוּגָעִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, רֶעדְן זֵיי טָאג אוּן נַאכְט פוּן פֵייעֶר אוּן וַואסֶער אוֹיף הַאטְלֵיינְס? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ".

אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּקוּקְן דַיין צַעַר; דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר, זָאלְסְט ווִיסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, וַוייל דוּ בִּיסְט נָאךְ יוּנְג, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר; אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק דַיין לֶעבְּן זָאל דִיר זַיין צוּקֶערְדִיג אוּן זִיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שָׁאד זִיךְ צוּ רֶעגְן, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיט אֱמוּנָה וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְעֶכְטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען רֵיין פַארְן בַּאשֶׁעפֶער; נֶעם אַרַיין אִין דִיר דִי אֱמוּנָה, עֶס אִיז נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער, עֶס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אַ שָׁאד זִיךְ צוּ רֶעגְן, אַ שָׁאד זִיךְ צוּ עֶסְן דָאס גֶעזוּנְט, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז עֶר, עֶס אִיז נָאר פַארְשְׁטֶעלְט כְּאִילוּ עֶס אִיז דֶער אוּן יֶענֶער.

גְלֵייבּ אַז אַלֶעס אִיז פַאר דַיין טוֹבָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען אַ פְּרוּטָה וָואס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַארְן חַבֵר, "וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן נָאר אַז מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל. נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת נח.): "אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִּיתָא", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז מְמוּנֶה צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי סוּעֶר דִיפַּארְטְמֶענְט, בַּיי דִי נִידְרִיגֶע אַרְבֶּעט, "מִן שְׁמַיָּא מָנוּ לֵיהּ", אִיז אוֹיךְ פוּן הִימְל, נָאךְ זָאגְן זֵיי (חוּלִּין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל אַז עֶס זָאל פַּאסִירְן.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועֶרֶע טָאג פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועֶרֶע זַאךְ - אִיז דָאס נָאר וַוייל מֶען וִויל זֶען פוּן הִימְל צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן, וֶועט עֶר גֵיין צוּ פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי אָדֶער זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פָּנִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט עֶס, אוּן דוּ וִוילְסְט הֶערְן מַיין קוֹל וִוי אִיךְ רֶעד צוּ דִיר, בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין צָרָה".

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה עט, ו; יְרוּשַׁלְמִי שְׁבִיעִית כה:), וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי מִיט זַיין זוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי אֶלְעָזָר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲרָה נָאךְ דְרַייצְן יָאר, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען וִוי אַ פַאנְגֶער שְׁפְּרֵייט אוֹיס זַיינֶע נֶעצְן צוּ כַאפְּן פֵייגֶלֶעךְ, זֵיי זֶעעֶן וִוי אַזוֹי עֶר שְׁפְּרֵייט אוֹיס דִי נֶעץ אוּן אַ פֵייגְל וֶוערְט שִׁיעֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אִין דִי לֶעצְטֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט זִיךְ דִי פֵייגְל גֶערַאטֶעוֶועט, נָאכְדֶעם קוּמְט נָאךְ אַ פֵייגְל אוּן זֵיי הֶערְן וִוי עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס זָאגְט: "גֶעפַאנְגֶען" אוּן דִי פֵייגְל אִיז גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "זֶעסְט, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע פֵייגֶעלֶע קֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל".

קוּם צוּם שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי, קוּם זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בְּלַייב נִישְׁט אִין דַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, קוּם הֶערְן אַפָּאר זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶועסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת, וֶועסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנַייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין רוּאִיג צוּם צוּזַאמְקוּם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן הֲפָצָה.

דִי אֵיין מָאל אַ וָואךְ וָואס דַיין וַוייבּ גֵייט אַרוֹיס צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם, זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - אִיז כְּדַאי זִי זָאל גֵיין אָן דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ וֶוען מֶען קֶען הָאבְּן דִי פָּאר מִינוּט אוֹיסְצוּהֶערְן דִי שִׁיעוּר רוּאִיג - ווִי מִיט מִיטְנֶעמֶען דָאס קִינְד; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ דִי בִּיסְל צַייט וֶוען דַיין וַוייבּ ווִיל גֵיין צוּ דִי צַאמְקוּם, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הֲפָצָה זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן דִי בִּיסְל צַייט.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הֲפָצָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע נַחַת רוּחַ פַאר אַ טַאטֶע וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק זַיין קִינְד, מֶען מַאכְט שָׁלוֹם; אַזוֹי אוֹיךְ כִּבְיָכוֹל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי קִינְדֶער בְּלָאנְדְזְשֶׁען, מֶען הָאט פַארְגֶעסְן אַז מֶען הָאט אַ טַאטֶע, אוּן אַז מֶען גֵייט הֲפָצָה, מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק דִי קִינְדֶער צוּם טַאטְן אִין הִימְל - אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע נַחַת רוּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַן עֵצָה פַאר שְׁרֶעק פוּן בַּיינַאכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי נֵייעֶ נִיגוּנִים, אוּן אַז דִי שֶׁענְסְטֶע נִיגוּן אִיז דִי נִיגוּן וָואס אִיז מְחַזֵק צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דִי מַאמֶע אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְרֵיינְד, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וָואס אִיר קֶענְט טוּן אַז בַּיינַאכְט הָאט אִיר שְׁרֶעק; בֶּעטְס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אַייךְ גֶעבְּן צוּ הֶערְן בַּיים שְׁלָאפְן גֵיין מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דָאס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע שְׁרֶעק, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים - וֶוערְט לִיכְטִיג אוּן מֶען וֶוערְט רוּאִיג.

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס אוּן פוּן דִי מְנַהֶלֶת, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר אַ גוּט קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ צוּרִיק אַיינְבִּינְדְן אִין זַאק בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַלְוַאי אַז מִיר קֶענֶען צוּרִיק בַּאנֵייעֶן אוּנְזֶער קֶשֶׁר, עֶס אִיז אַזוֹי גוּט וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מֶען פַארְדִינְט אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע זַאכְן, מֶען הָאט חִיזוּק אוֹיף דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, מֶען הָאט חִיזוּק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא וְכוּ'.

אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק אַיינְבִּינְדְן אִין זַאק בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיךְ דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. בַּיים רֶבִּי'ן פַארְדִינְט מֶען נָאר גוּטְס, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נָאר דָא רְוָוחִים, מֶען פַארְדִינְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מֶען פַארְדִינְט לָנֶצַח נְצָחִים.

קֶען זַיין אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען אַפָּאר מָאל אוּן צוּלִיב מַיינֶע טִרְדוֹת וָואס לִיגְט אוֹיף מִיר הָאבּ אִיךְ דִיךְ נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אוּן נִישְׁט בַּאגְרִיסְט, אוּן דָאס הָאט דִיר גֶעמַאכְט זָאלְסְט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט אוּן אַזוֹי אִיז צוּבִּיסְלִיךְ אָפְּגֶעקִילְט גֶעוָוארְן אוּנְזֶער קֶשֶׁר; וָואלְסְטוּ גֶעוִויסְט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אַ טָאג - וָואלְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט גֶעוָוארְן, וַוייל דִי אַלֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער מֶענְטְשְׁן אוּן אִיךְ גְרוּס נִישְׁט - אִיז דָאס צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ זֶע פָּשׁוּט נִישְׁט פַאר מַיינֶע אוֹיגְן קַיין מֶענְטְשְׁן; וָואלְט אִיךְ גֶעזֶען - וָואלט אִיךְ גֶעגְרִיסְט, אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ בַּאגְרִיסְן יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר פוּן רוֹב טִרְדוֹת זֶע אִיךְ נִישְׁט, דִי קָאפּ אִיז מִיר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט.

אִיךְ וִויל בַּאנֵייעֶן אוּנְזֶער קֶשֶׁר, אִיךְ וִויל דִיךְ זֶען, אִיךְ וַוארְט אוֹיף דִיר. אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ קוּמֶען לֵיל שִׁישִׁי צוּם שִׁיעוּר, אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן

אַ בְּרִיוו אָדֶער אַ מֶעסֶעדְזְשׁ פוּן אַ סִיּוּם מַסֶּכְתָּא, אַ סִיּוּם מִשְׁנַיּוֹת, דָאס הָאט מִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען.

בַּאנֵיי זִיךְ, הוֹיבּ אָן צוּרִיק לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן זִיכֶער זָאלְסְטוּ אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, אוּן אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ.

אִיךְ בִּין שׁוֹין זֵייעֶר מִיד, עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אִיךְ וֶועל נָאךְ אַ צְוֵוייטֶע מָאל דִיר שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי לֶעצְטֶע גֶעבֶּעט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיפְ׳ן שְׁפִּיטָאל בֶּעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם שַׁבָּת גֶעפַאלְט דִי צֶענְטֶע יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דוּ ווִילְסְט אַוַדַאי זִיךְ עֶפֶּעס פָארְנֶעמֶען לִכְבוֹד דִי יָארְצַייט, זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען מַרְבֶּה זַיין בְּשָׁלוֹם; אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין שְׁטוּבּ, אַלֶעס טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַרְבֶּה זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, דָאס הָאט אוּנְז מוֹהֲרָא״שׁ גֶעבֶּעטְן דִי לֶעצְטֶע גֶעבֶּעט אִין שְׁפִּיטָאל בֶּעטְל, מִיר זָאלְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלֹקֶת, דֶעם לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט: ״דָּבָר אֶחָד שֶׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶתְכֶם בַּקָּשָׁה אַחֲרוֹנָה מֵחַיַּי״, אִיךְ בֶּעט אַייךְ דִי לֶעצְטֶע בַּקָּשָׁה פוּן מַיין לֶעבְּן, ״שֶׁתַּחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד״, אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, ״לָכֵן זֶה עִקַּר רְצוֹנִי שֶׁיִּהְיֶה רַק אַהֲבָה בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, כִּי הַרְבֵּה צָרוֹת בָּאוּ וְיָצְאוּ מִמַּחְלֹקֶת וּמְרִיבוֹת״, מַיין גַאנְצֶע ווִילְן אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל פוּן מַחֲלֹקֶת קוּמְט אַרוֹיס נָאר צָרוֹת.

בַּיים סוֹף פוּן דִי בְּרִיוו שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"ש נָאכְאַמָאל: "הַחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד וְאַף פַּעַם לֹא לְהִתְעָרֵב בְּשׁוּם מַחְלוֹקֶת שֶׁרַק יֵשׁ בָּעוֹלָם", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוֹיךְ פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש וֵויינֶען בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב: "מִיר טְרִינְקֶען דָאךְ פוּן אֵיין קְוָואל, מִיר נֶעמֶען דָאךְ חִיזוּק פוּן אֵיין רֶבִּי, פַארְוָואס דַארְף מֶען זִיךְ בַּייסְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵויטְן?" מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט זָאגְן: "אֵין הָכִי נָמֵי, דֶער רֶבִּי זָאגְט טַאקֶע (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיט) 'אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת', אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן אַייךְ אַסַאךְ גְרוּפֶּעס; אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז אֵיין גְרוּפֶּע זָאל רֶעדְן אוֹיפְן צְוֵוייטְן אוּן אֵיינֶער זָאל פַיינְט הָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן".

אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי דִי יָארְצַייט סְעוּדָה, מִיר וֶועלְן זִיךְ דָארְט אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵּק זַיין.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

# מהדורת צבי הירש

הספר הקדוש הזה נתנדב

לטובת נשמת

**צבי הירש בן בנימין אייזיק**

**וזוגתו**

**רחל לאה בת יעקב דוד**

עליהם השלום

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון.

בס"ד




IDEA. 8457769664

# יא, מיטן איבערשטנ'ס הילף!

**סיינט אייך אויף עס צו**
**באקומען וועכנטליך**
**אויף די פאסט**

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**